# פּרשת חוקת 5757

# ברוכה לאַנג

ציטאַטן פֿון חומש האָב איך גענומען פֿון יהואשעס איבערזעצונג. די ייִדישע איבערזעצונג פֿון רש״ין קומט פֿונעם חומש בית־יהודה.

״און די קינדער פֿון ישׂראל, די גאַנצע עדה, זײַנען געקומען אין מדבר צין, אין ערשטן חודש; און דאָס פֿאָלק איז געזעסן אין קאַדעש,״ (20:1). זאָגט רש״י: ״מיינט מען אַ גאַנצע עדה, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרײַנקומען אין ארץ־ישׂראל; די ייִדן וואָס האָבן געדאַרפֿט שטאַרבן אין מדבר זײַנען אַלע געשטאָרבן און די מענטשן זײַנען אָפּגעשיידט געוואָרן צום לעבן.״

אָט דער פּסוק פֿירט אַרײַן דעם עפּיזאָד אין וועלכן די קינדער פֿון ישׂראל באַקלאָגן זיך, אַז זיי האָבן נישט קען וואַסער צו טרינקען און משה שלאָגט דעם פֿעלדז כּדי אַרויסצובאַקומען וואַסער אַנשטאָט צו רעדן צו אים, אַזוי ווי דער אייבערשטער האָט געהאַט געבאָטן. די קינדער פֿון ישׂראל דריקן זייער שטאַרק אויס זייער טענה: ״און נאָך וואָס האָט איר [משה און אהרן] אונדז אויפֿגעבראַכט פֿון מצרים, אונדז צו ברענגען אין דעם דאָזיקן שלעכטן אָרט, וואָס איז נישט אַן אָרט פֿון זאָמען, אָדער פֿײַגן, אָדער ווײַנשטאָקן, אָדער מילגרוימען, און ווו וואַסער צום טרינקען איז נישטאָ?״ (20:5). פֿרעגט זיך די קאַשע: אויב די דאָזיקע עדה באַשטייט פֿונעם נײַעם דור וואָס וועט אַרײַנגיין אין ארץ־ישׂראל, און וואָס ווייסט אַז די פֿערציק יאָר אַרומגיין אין מדבר זײַנען כּמעט פֿאַרבײַ, פֿאַר וואָס באַקלאָגן זיי זיך, אַז דאָס צוגעזאָגטע גוץ איז נישטאָ? ווייסן זיי נישט, אַז אָט אָט וועלן זיי אַרײַן אינעם לאַנד פֿון מילך און האָניק? וועגן וואָס קלאָגן זיי טאַקע?

כּדי אַ פּרוּוו צו טאָן ענטפֿערן אויף די דאָזיקע פֿראַגעס, לאָמיר פֿאַרגלײַכן אונדזער עפּיזאָד מיט אַן ענלעכן געשעעניש באַלד נאָך יציאת־מצרים. ווי באַקאַנט הייבן אָן די קינדער פֿון ישׂראל זיך צו באַקלאָגן באַלד נאָך קריעת־ים־סוף, כאָטש זיי האָבן שוין געזען כּל מיני ניסים. צוערשט באַקלאָגן זיי זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קען עסן, שיקט דער אייבערשטער מאָן. דערנאָך באַקלאָגן זיי זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קען וואַסער; דער אייבערשטער הייסט משה שלאָגן אַ פֿעלדז און עס פֿליסט אַרויס וואַסער (שמות 17: 7-1). פֿאַראַן בולעטע פּאַראַלעלן צווישן די צוויי אינצידענטן: דאָס פֿאָלק איז דורשטיק און באַקלאָגט זיך פֿאַר משהן (ביידע אינצידענטן ווערן אַרײַנגעפֿירט מיט גענוי די זעלבע ווערטער: ״ווײַאַרעוו האַ׳אָם אים משה״–״און דאָס פֿאָלק האָט זיך געקריגט מיט משהן״); משה בעט הילף באַם אייבערשטן און שלאָגט אַ פֿעלדז כּדי צו באַקומען דערפֿון וואַסער. ס׳איז אפֿשר גרינגער צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דאָס פֿאָלק באַקלאָגט זיך אין ספֿר שמות באַם אָנהייב פֿונעם אַרומגיין אין מדבר: זיי האָבן נאָך נישט קען פֿולן בטחון אינעם אייבערשטן, זיי האָבן נאָך נישט איבערגעלעבט זײַן קעסעדערדיקן שטיץ. אין אונדזער סדרה דאַרפֿן זיי אָבער שוין גוט וויסן, אַז דער אייבערשטער וועט זאָרגן פֿאַר אַלץ.

אין שמות פֿאַרשטייט משה גוט, אַז דאָס פֿאָלק פֿרעגט אָפּ נישט זײַן פֿירערשאַפֿט, נאָר דעם אייבערשטנס בײַזײַן. אויף זייער טענה, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו טרינקען, ענטפֿערט ער: ״וואָס קריגט איר זיך מיט מיר? וואָס פּרוּווט איר גאָט?״ (17:2). רש״י גיט צו, אַז דאָס פֿאָלק פּרוּווט דעם אייבערשטן דורך דעם וואָס זיי פֿאָדערן וואַסער אין אַזאַ טרוקענעם לאַנד. כאָטש זיי באַקלאָגן זיך באַ משהן, זײַנען זייערע טענות בעצם גערichטet — 

אין במדבר דריקן אָבער אויס די קינדער פֿון ישׂראל אַ שטאַרקן בטחון אינעם אייבערשטן, אפֿילו ווען זיי באַקלאָגן זיך: זיי וואָלטן בעסער געוואָלט שטאַרבן ווי זייערע ברידער אין מדבר ״פֿאַר גאָט״ און זיי רופֿן זיך אָן ״ק׳האַל השם״: ״די עדה פֿון גאָט״ (20:3-4). זיי ווייסן גוט, אַז דער אייבערשטער איז צווישן זיי: דאָס מאָל באַקלאָגן זיי זיך פֿאַר משהן נישט ווי דעם אייבערשטנס שליח, נאָר זיי ריכטן זייערע טענות טאַקע קעגן דעם אַלטן פֿירער. ווידער באַווײַזט מוישעס רעאַקציע אַז ער פֿאַרשטייט אין וואָס סע גייט: דאָס מאָל מוסערט ער נישט דאָס פֿאָלק ווי דעם אייבערשטנס פֿאַרטיידיקער, נאָר ער שווײַגט. פֿריִער איז ער אַקטיוו: ער בעט מיט ווערטער, אַז דער אייבערשטער זאָל אים העלפֿן אינעם שווערן מצבֿ; איצט גייט ער מיט אַרנען אין אויעל־מויעד, זיי ״פֿאַלן אויף זייער פּנים״ און וואַרטן, פּאַסיוו, אַז דער אייבערשטער זאָל זיך באַווײַזן.

איך לייען רעגולער אַן עלעקטראָנישן פּרשה־שיור פֿון עיִטאַן מייער, וואָס לערנט אין דרישאַ (דער יעשיוואַ פֿאַר פֿרויען אין מאַנהעטן). פֿאַרגאַנגענע וואָך, פּרשת קורעך, האָט ער באַוויזן ווי משה ווערט אַ וואָס שוואַכערן פֿירער. משה, דער גרויסער אָנאָוו, האָט נישט אין זיך קען איין טראָפּן עגאָיִזם, און ווען מען הייבט אָן אָפּצופֿרעגן זײַן פֿירערשאַפֿט, פֿרעגט

ער זיך אַליין, צי ער איז נאָך בכּוח צו טאָן די אַרבעט. אויב ער וואָלט געווען אַ בעסערער פֿירער, וואָלט דאָס פֿאָלק זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט אין מדבר? ווען ער פֿונקציאָניערט ווי דעם אייבערשטנס שליח איז ער זייער שטאַרק: זיך אַליין קען ער קוים פֿאַרטיידיקן, אַנדערע פֿאַרטיידיקט ער מיט גרויסן ברען. אַזוי איז דער פֿאַל מיטן וואַסער-אינצידענט אין שמות: דאָס פֿאָלק גרײַפֿט אים אָן, אָבער ער ווייסט, אַז דער אָנגריף איז אין דער עמעסן געריכט אויפֿן אייבערשטן. אין אונדזער פּרשה איז דער אָנגריף אָבער געריכט אויף אים. משלי-יהודה, אַ פּירוש געדרוקט אינעם חומש בית-יהודה, ברענגט דאָ אַ משל וואָס באַשטעטיקט, אַז דאָ גרײַפֿט מען אָן משהן און נישט דעם אייבערשטן.

דער משל איז וועגן אַ שטאָט, ווו מע זוכט אַ נײַעם רבֿ. עס קומט אַ רבֿ, וואָס גיט אַ שיינע דרשה, אָבער מע פֿרעגט נאָך אָפּ זײַנע פֿייִקייטן: אפֿשר האָט ער אויסגעלערנט די דרשה פֿון אַ ספֿר, וואָס מע קען נישט. באַשליסט מען צו פּרוּוון דעם רבֿ דורך דעם, וואָס מע וועט עם געבן אַ מאַהאַרשאַ, זייער אַ שווערן טעקסט, און זען, צי ער קען אים גיך אויסטײַטשן. ווײַטער מאַכט דער משלי-יהודה דעם פֿאַרגלײַך מיט משהן:

″דאָס זעלביקע איז דאָ געווען באַ די ייִדן מיט משה. ווי דער מדרש זאָגט, די ייִדן האָבן געזאָגט אויף משה, עס איז אמת, מיר האָבן ביז איצט געזען פֿון מאָשע אַ גרויסע זאַך, דער שטיין האָט געגעבן וואַסער. ווער ווייסט אויב דאָס איז געווען מיט אַ נס, ער איז געווען אַ פּאַסטעך, באַ יתרו, און ער איז שטענדיק געווען אין דער מדבר באַ די קוואַלן וואַסער, ווייסט ער עפּעס אַ חכמה אָדער כּישוף ווי אַזוי צו ציִען וואַסער פֿון דעם שטיין. מיר וועלן מאַכן אַ פּראָבע, מיר וועלן אים ווײַזן אַ שטיין און מיר וועלן זאָגן צו אים, ער זאָל אַרויסציִען וואַסער פֿון דעם שטיין. אויב ער וועט קענען אַרויסציִען וואַסער פֿון דעם שטיין וואָס מיר וועלן אים ווײַזן, וועלן מיר וויסן, דאָס איז מיט ניסים.″

דער גאַנג פֿון די צוויי אינצידענטן ווײַזט ווײַטער אָן אויף דעם, אַז אינעם ערשטן פֿונקציאָניערט משה ווי דעם אייבערשטנס שליח און אינעם צווייטן גייט עס אין מוישעס פּירערשאַפֿט. אין שמות גיט דער אייבערשטער משהן אינצרוקציעס און משה פֿאָלגט אַזוי פּינקטלעך, אַז די תּורה דאַרף נאָר זאָגן ″און משה האָט אַזוי געטאָן″ (17:6). אין במדבר פֿאָלגט משה נישט: דער אייבערשטער הייסט אים רעדן צום פֿעלדז, און ער שלאָגט אים. אפֿשר פּרוּווט ער דערדורך ווידער דערטאַפּן דעם כּוח, וואָס ער האָט געפֿילט אַזש אין ספֿר שמות. ס'איז אָבער פֿאַרפֿאַלן: דאָס וואַסער קומט לעסאָף נישט צוליב זײַנע באַמיונגען, נאָר טראָץ זיי. דער אייבערשטער האָט אים געהאָט באַפֿוילן, ער זאָל רעדן צום פֿעלדז און ″ווּעסט זיי (די קינדער פֿון ישׂראל) אַרויסציִען וואַסער פֿון פֿעלדז און ווּעסט אָנטרינקען די עדה און זייער פֿי″ (20:8). לעמײַסע האָט משה געשלאָגן דעם פֿעלדז און ″עס איז אַרויס אַ סך וואַסער, און די עדה און זייער פֿי האָבן געטרונקען″ (20:11). לויטן אייבערשטנס באַפֿעל דאַרף משה זײַן אַקטיוו, *אָנטרינקען* דאָס פֿאָלק (דער ווערב איז אין בנין היפֿיל: ″וועהישקיסאָ עס האַיידאָ″); לעמײַסע באַווײַזט זיך דאָס וואַסער און דאָס פֿאָלק נעמט זיך אַליין צום טרינקען (″וואַטיישט האַיידאָ″).

הייסט עס, דאָס פֿאָלק פֿילט, אַז משה איז שוין מער נישט בייעכאָלעס זיי צו פֿירן, און ווײַזט אויס, אַז דער אייבערשטער איז מסכּים: די שטראָף פֿאַר מוישעס נישט פֿאָלגן איז דאָס, וואָס ער וועט נישט אַרײַנפֿירן דאָס פֿאָלק אין לאַנד. וואָס האָט זיך געביטן? פֿאַר וואָס האָבן זיך מוישעס כּוחות אָפּגעלאָזט? פֿאַר וואָס האָט ער פֿריִער געאַרבעט מיט דער פֿולער זיכערקייט פֿון זײַן דעם אייבערשטנס שליח און איצט ווערט ער פֿאַרפֿאַלן אין דער אייגענער אומזיכערקייט? עס פֿאָלגן מײַנע געדאַנקען צו דער פֿראַגע. איר לייענערס, גיט מיר אַ שרײַב און זאָגט, וואָס איר האַלט. איר זײַט מאַסקים מיט מיר? איר האָט אַנדערע געדאַנקען?

צום סוף פֿון יעדן אינצידענט ווערט דער תּוך פֿונעם געשעעניש פֿאַרסאַך-האַקלט. שעמאָס 17: 7: ″און [משה] האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט מאַסאָ און מעריווע, פֿון וועגן דעם קריגן זיך פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, און פֿון וועגן זייער פּרוּוון גאָט, אַזוי צו זאָגן: איז גאָט פֿאַראַן צווישן אונדז אָדער נישט?″ במדבר 20:13: ″דאָס איז דאָס וואַסער פֿון מעריווע ווו די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געקריגט אַקעגן גאָט, און ער איז געהייליקט געוואָרן צווישן זיי.″ מוישעס גרויסע אויפֿגאַבע איז געווען אײַנצופֿלאַנצן אין פֿאָלק אמונה און בטחון: דער יסוד פֿון אַ לעבן איבערגעגעבן דער עבֿודה, דעם דינען דעם אייבערשטן. ער האָט געדאַרפֿט לערנען דאָס פֿאָלק, אַז ″גאָט איז פֿאַראַן צווישן אונדז″–און דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן: אין אונדזער פּרשה איז דאָס פֿאָלק זיכער מיט גאָט, כאָטש זיי זאָרגן זיך וועגן הײַנט און מאָרגן. איצט, אַז מוישעס גרויסע אויפֿגאַבע איז אָפּגעטאָן געוואָרן, דאַרף דאָס פֿאָלק אַ שטענדיקע אָנמוטיקונג. זיי וויסן אויף אַ יעסוידעסדיקן אויפֿן, אַז דער אייבערשטער איז דאָ, אָבער אין טאָגטעגלעכן לעבן, מיט טאָגטעגלעכע צרות, איז דאָס גרינג צו פֿאַרגעסן. זיי דאַרפֿן, אַז דער אייבערשטער זאָל שטענטיק ″געהייליקט ווערן″ צווישן זיי. וואָס מיינט דאָס? רש״י קלערט דאָס אויף, ווי מיר וועלן תּיקף זען. דער אייבערשטער זאָגט, אַז ער וועט נישט לאָזן משהן (און אַרנען) אַרײַן אין ערציִסרויל, ווײַל ער האָט ″נישט געגלויבט אין מיר, מיך צו הייליקן פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון ישׂראל″ (20:12). זאָגט רש״י: ″דער אייבערשטער האָט געזאָגט צו משה: ווען איר וואָלט גערעדט צום שטיין און ער וואָלט געגעבן וואַסער, וואָלט איך געהייליקט געוואָרן באַ די ייִדן, זיי וואָלטן זאָגן, מאַדאָך דער שטיין, ער קען ניט רעדן, און קען ניט הערן, און ער דאַרף ניט געשפּײַזט ווערן, פֿון דעסטוועגן טוט ער וואָס דער אייבערשטער זאָגט צו אים; דאַרפֿן מיר דאָך געוויס טאָן וואָס דער אייבערשטער זאָגט צו אונדז.″ דאָס וואָס די קינדער פֿון ישׂראל

גלייבן פֿעסט אינעם אייבערשטן איז נישט קיין מנאיה, אַז די מענטשלעכע שוואַכקייט זאָל זיי פֿאַרפֿירן, אַז זיי זאָלן אויף אַ ווײַלע זײַן ווייניקער איבערגעגעבן תּורה און מצוות. משה, דער גרעסטער נבֿיא, האָט אײַנגעפֿלאַנצט אין פֿאָלק ישׂראל די אמונה, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע שווערע צײַטן, ווו די מענטשלעכע שוואַכקייט האָט גויווער געווען. ער האָט אָבער נישט געקענט אָנהייבן מיט דער אָנסאָפֿיקער אַרבעט פֿון "הייליקן" דעם אייבערשטן צווישן דעם פֿאָלק, פֿון אָנמוטיקן יידן, זיי זאָלן זײַן וואָס מער איבערגעגעבן דעם בורא–אפֿילו אין שלעכטע צײַטן. אַזוי איז זײַן אַרבעט געווען פֿאַרענדיקט און אַנדערע האָבן געדאַרפֿט איבערנעמען די פֿירערשאַפֿט. דער נײַער דור האָט געדאַרפֿט אַ מין אָנמוטיקונג, וואָס משה האָט נישט געקענט געבן, און צוליב דעם באַקלאָגן זיי זיך אין אונדזער פרשה–נישט ווײַל עס פֿעלט זיי אמונה און בטחון.

לאָמיר אַליין געדענקען, אַז די אמונה איז טיף אײַנגעפֿלאַנצט אין אונדז ייִדן, און לאָמיר בעטן אויף אָנמוטיגענדיקע פֿירערס, וואָס זאָלן הייליקן דעם אייבערשטן צווישן אונדז.